בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון כ"ו

פרשת כי תצא תשפ"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב


## שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

פַּרְשַׁת שְׁלַח, שְׁנַת תשפ"ג -קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף עֶנְדִיגְן מִיר צוּ דֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת שְׁלַח שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### וֶוער אִיז דָאס קִינְד? עֶס אִיז מַיין קִינְד!

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיר הַאלְט מִיט דִי נֵייעֶס, מֶען גֵייט בַּאלְד נָאכְאַמָאל לוֹיפְּן צוּ עֶרְוֶועלְן אַ פְּרֶעזִידֶענְט, צְוִוישְׁן דִי וָואס לוֹיפְן אִיז דָא אֵיינֶער וָואס זִיצְט הַיינְט מִיט קֵייטְלֶען, מֶען גֵייט אִים אַיינְזֶעצְן אִין תְּפִיסָה, פַארְוָואס? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אָפְּן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים פְּרִיוַואטֶע סוֹדוֹת פוּן אַמֶערִיקֶע, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, עֶר הָאט קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן קַיין סוֹדוֹת, אָבֶּער זַאכְן וָואס מֶען דַארְף הַאלְטְן אִין אָפְּגֶעהִיטֶענֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אָפְּן.

וֶוען אַ לֶערֶערִין הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט אַ קִינְד, דַארְף עֶס בְּלַייבְּן פְּרִיוַואט, זִי קֶען עֶס נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע לֶערֶערִינְס.

דִי פְּרוֹי וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט צוּ קוּקְן לַייז, קֶען נִישְׁט אִיבֶּער רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע לֶערֶערִינְס דִי נֶעמֶען פוּן דִי תַּלְמִידוֹת וָואס הָאבְּן לַייז, זִי קֶען עֶס נָאר אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דִי סֶעקְרֶעטֶערִי אַז זִי זָאל רוּפְן דִי מַאמֶע אוּן מֶער נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם.

פַּארְוָואס זָאלְן עֶלְטֶערְן צוּרִיק הֶערְן אַז יֶעדֶער וֵוייסְט פוּן זֵייעֶר קִינְדְ'ס פְּרָאבְּלֶעם? פַּארְוָואס דַארְף יֶעדֶער וִויסְן אַז אִיר קִינְד הָאט אַיינְגֶעמַאכְט, אָדֶער בַּייסְט, אָדֶער הָאט לַייז?!

אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן צוּ הֶעלְפְן אַ תַּלְמִידָה קֶען מֶען רֶעדְן פְּרִיוַואט מִיט דִי מְנַהֶלֶת, אָדֶער מִיט אַן אַנְדֶערֶע לֶערֶערִין, אָבֶּער אָן אַ נָאמֶען, מֶען זָאגְט: **"עֶס אִיז דָא 'אַ קִינְד' וָואס טוּט דָאס אוּן דָאס, זָאל אִיךְ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער נִישְׁט?"** - וֶוער אִיז דָאס קִינְד? עֶס אִיז מַיין קִינְד! טְרַאכְט כְּאִילוּ עֶס אִיז 'אַייעֶר קִינְד' אוּן אִיר רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אַ צְוֵוייטֶע לֶערֶערִין צִי אִיר זָאלְט 'זִיךְ אַלֵיינְס' רוּפְן דֶערְצֵיילְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פוּן 'אַייעֶר קִינְד'.

### אַזוֹי רֶעדְט מֶען פוּן דִי קִינְדֶער?!

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן אַרַיין גֵיין אִין 'מְלַמְּדִים שְׁטִיבְּל', דִי קִינְדֶער פְלֶעגְן זֶען אַז אִיךְ בְּלַייבּ זִיצְן אִין כִּתָּה. פַּארְוָואס? וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹשַׁב לֵצִים, מֶען אִיז גֶעזִיצְן אוּן בַּארֶעדְט קִינְדֶער, דֶער אִינְגְל אִיז אַ פֶערְד, דֶער אִינְגְל אִיז אַ בְּהֵמָה אוּן דֶער אִינְגְל וָואס אִיז גֶעוֶוען רוֹיט אוּן פֶּעשׂ אִיז אַ פָּרָה אֲדוּמָה... אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'וָואס? דָאס זֶענֶען מְלַמְּדִים?! זֵיי שִׁיקְן אַהֵיים גְרוֹיסֶע בִּיכֶער יֶעדֶע וָואךְ, מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי ל"ט מְלָאכוֹת אוּן דִי שִׁבְעָה כּוֹכְבֵי לֶכֶת, דִי עֶלְטֶערְן מֵיינֶען אַז מֶען גֶעבְּט דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ, אוּן אַזוֹי רֶעדְט מֶען פוּן דִי קִינְדֶער?!'

### פַּארְוָואס מַאכְסְטוּ אַן עֶקְס אוֹיף מַיין קִינְד?!

דִי פַארְיֶערִיגֶע לֶערֶערִין קֶען נִישְׁט אִיבֶּער גֵיין אָנְהֵייבּ יָאר דִי נֶעמֶען פוּן דִי קִינְדֶער אוּן מַאכְן אַן 'עֶקְס' (שְׁלֶעכְטֶע צֵייכְן) אוֹיף אֵיין קִינְד אוּן זָאגְן פַאר דִי נֵייעֶ לֶערֶערִין אַז דָאס קִינְד אִיז שְׁלֶעכְט, - דָאס אִיז דָאךְ מַיין קִינְד, פַּארְוָואס מַאכְסְטוּ אַן עֶקְס אוֹיף מַיין קִינְד?! אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשׁ הַאלְטְן מַיין קִינְד אִינְדֶערְהֵיים, נִישְׁט שִׁיקְן אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט לֶערְנֶען, אוּן מֶען זָאל אִים אוֹיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן!

### • חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה

### דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט מַיין בַּר פְּלוּגְתָּא!

אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן, מֶען נֶעמְט נִישְׁט אוֹיף אַ מְלַמֵּד עֶר זָאל בַּאקוּמֶען כָּבוֹד פוּן דִי קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַ מְלַמֵּד אוּן אִים מְכַבֵּד זַיין, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר טוּט דָאס נִישְׁט - מֵיינְט אַז דֶער קִינְד הָאט אַ נִסָּיוֹן פוּן זַיין נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אוּן אִיךְ הָאבּ אַן אַנְדֶערֶע נִסָּיוֹן וָואס אִיךְ קֶען אוֹיךְ נִישְׁט בֵּיישְׁטֵיין, דֶער קִינְד וֶוערְט נִישְׁט יֶעצְט מַיין בַּר פְּלוּגְתָּא! אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט יֶעצְט נִישְׁט צֶעקְרִיגְן פְּרִיוַואט מִיט דֶעם קִינְד, אוּן הָאבְּן חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דֶעם קִינְד.

עֶס אִיז דָא עֶלְטֶערֶע וַוייבֶּער וָואס וֶוען זֵיי דֶערְמַאנֶען זִיךְ פוּן זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן קֶענֶען זֵיי נָאכְאַלְץ וֵויינֶען פוּן אַ לֶערֶערִין וָואס הָאט אִיר פַיינְט גֶעהַאט. אַפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן פוּן וֶוען זִי אִיז אַרוֹיס פוּן שׁוּלֶע, אוּן זִי אִיז נִישְׁט אֵיינֶע וָואס זוּכְט צוּ קְרֶעכְצְן אוּן צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן. דָאס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן אַ מֶענְטְשׁ, מֶען גֶעדֶענְקְט דָאס אוֹיף אֵייבִּיג, 'דִי לֶערֶערִין הָאט מִיר פַיינְט גֶעהַאט אוּן דֶערְבִּיטֶערְט דִי יָארְן'.

דִי לֶערֶערִין אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען גֶערֶעכְט, אָבֶּער אִיר זֶענְט עֶלְטֶער אוּן זִי אִיז יוּנְגֶער, אִיר דַארְפְט טְרֶעפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי תַּלְמִידָה, אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען אוֹיף דִי בֵּיינֶער אוּן אַרַיין גֵיין אִין אַ פְּרִיוַואטֶע מִלְחָמָה קֶעגְן אַ תַּלְמִידָה וַוייל זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, זִי אִיז דָאךְ אַ קִינְד!

# שׁעוּרִים אִין חִנוּךְ

פַּרְשַׁת שְׁלַח, שְׁנַת תשפ"ג -קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

• חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה

## אִיר בּוֹיט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

גֶעדֶענְקְט! וָואס מֶען טוּט פַאר זִיךְ - בְּלַייבְּט דָא, אוּן וָואס מֶען טוּט פַאר יֶענֶעם - נֶעמְט מֶען מִיט! אִיר וֶועט זַיין פוּן דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וָואס וֶועלְן וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן מִיט גָאלְדֶענֶע אוֹתִיּוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל, אַז דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ פַאר דִי קִינְדֶער. אַ לֶערֶערִין דֶערְצֵיילְט, זִי הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיס קוּמֶען מִיט אֵיין תַּלְמִידָה, אַן עֶלְטֶערֶע תַּלְמִידָה וָואס עֶס אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען, הָאט זִי אִיר גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, זִי זָאל אִיר הֶעלְפְן בֶּעבִּי סִיטְן אִירֶע קִינְדֶער אוּן הֶעלְפְן מִיט דָאס אוּן יֶענְץ, אוּן זִי אִיז גֶעוָוארְן אִיר בֶּעסְטֶע תַּלְמִידָה!

אַ מְלַמֵּד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר פְרֶעגְן, עֶר הָאט אַ קִינְד וָואס עֶר קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט אִים, עֶר וֵויינְט יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ וֶועג צוּ אִים, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען עֶס אִיז וֶוען דַיין קִינְד? דוּ וָואלְסְט אַלֶעס גֶעטוּן אַז דַיין קִינְד זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אֶפְשָׁר רוּפְסְטוּ אִים צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ, דוּ גֶעבְּסְט אִים דַיין גְרָאז שְׁנַיידֶער עֶר זָאל שְׁנַיידְן דִי גְרָאז? - דֶער מְלַמֵּד הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶערוּפְן דֶעם קִינְד צוּ זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי גְרָאז שְׁנַיידֶער אוּן דָאס קִינְד הָאט אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, הַיינְט אִיז דֶער קִינְד דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד פוּן כִּתָּה.

וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין, פוּן דִי עֶרְגְסְטֶער קִינְד זָאל וֶוערְן דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד? אַ קִינְד קֶען נִישְׁט טוֹישְׁן זַיינֶע נַאטוּרְן אִיבֶּער נַאכְט?! - נָאר עֶס הָאט מִיטְ'ן מְלַמֵּד, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ צוּגַאנְג צוּם קִינְד, דֶער קִינְד זָאל וֶוערְן אִינְטֶערֶעסִירְט אִינֶעם מְלַמֵּד, אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן. דֶער קִינְד אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען זָאגְן פַאר זַיין מַאמֶע: **"אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט מַיין רֶבִּי אִיז סְתַּם עֶפֶּעס אַ יוּקְל... עֶר אִיז אַ מֶעכְטִיגֶער רֶבִּי! עֶר הָאט שָׁאוְולֶעךְ, דְרִילֶערְס אוּן אַ גְרָאז שְׁנַיידֶער!"** אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן אַ מֶעכְטִיגֶער רֶבִּי וִויל עֶר שׁוֹין דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען.

מִיר זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּרְךְ אַ שֵׁיינֶע יָאר, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, מֶען נֶעמְט יֶעדְן צוּרִיק אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, קֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט אָפְּגֶעזָאגְט. יֶעצְט קוּמְט זוּמֶער וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען אָפְּרוּעֶן, זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן מִיר וֶועלְן אוֹיפְנֶעמֶען יוּנְגֶערֶע לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט אַ גְרוֹיסֶע וִוירְטְשַׁאפְט אִינְדֶערְהֵיים צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

# הִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

• חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת

## דִי דְרִיטֶע נְקוּדָה: וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן בַּאאַיינְפְלוּסְט פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים?

גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט אִינֶעם צֶענְטְן יָאר פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, פוּן שְׁנַת תשס"ט וֶוען מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר גֶעהֵייסְן עֶפֶענֶען דִי יְשִׁיבָה צוּ מְחַזֵּק זַיין בָּחוּרִים. הָאבּ אִיךְ אַלֶע יָארְן גֶעזֶען אֵיין זַאךְ, דִי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען פוּן גֶעזוּנְטֶע שְׁטִיבֶער, וואוּ עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן דִי עֶלְטֶערְן, טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, אוּן זֵיי גֶעבְן לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי קִינְדֶער, - דִי בָּחוּרִים זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעבְלִיבְּן שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר אִידִישְׁקֵייט!

אַפִילוּ זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶרֶע צַייטְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, דִי חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט גֶעוָוארְן בַּאאַיינְפְלוּסְט פוּן זֵיי, זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, פַארְוָואס?! וַוייל דֶער בָּחוּר טְרַאכְט: 'אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט טוּן פַאר מַיין טַאטֶע מַאמֶע, מַיין טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען זֵייעֶר גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, זֵייעֶר ווֹאוּילֶע מֶענְטְשְׁן, אִיךְ וִויל זֵיי צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן!'

וִוידֶער דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ צֶעפְּלִיקְט אוּן צֶערִיסְן, אִיךְ רֶעד שׁוֹין נִישְׁט פוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען צֶעטֵיילְט אָדֶער גֶע'גֶט, אַפִילוּ מִשְׁפָּחוֹת וָואס בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נָאךְ אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶער אַלֶעס גֵייט צוּ מִיט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דִי קִינְדֶער, מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער, בַּיי אַזַא מִשְׁפָּחָה אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע שַׁאנְס אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם יָא וֶוערְן בַּאאַיינְפְלוּסְט פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים.

### זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער!

דֶערִיבֶּער, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן בַּאאַיינְפְלוּסְט פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי צְוֵויי זַאכְן. אֵיינְס, אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ, וואוּ טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, אוּן גֶעבְּן זִיךְ כָּבוֹד אֵיינֶעם דֶעם צְוֵוייטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער!

אַז אַייעֶר מַאן הָאט עֶפֶּעס גֶעטוּן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט, אוּן דִי טִיר עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף, דֶער טַאטֶע קוּמְט אַרַיין אוּן אַלֶע קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן אִין זַייט, הַאלְטְס אִים נִישְׁט יֶעצְט פָאר אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער! נַארִישֶׁע פְרוֹיעֶן בַּארֶעכְטִיגְן זִיךְ נָאךְ: **"אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אַהֵיים קוּמֶען צַייטְלֶעךְ אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִין צַייט! זָאל עֶר וִויסְן..."** — פֵיין, אִיר קֶענְט אִים זָאגְן וָואס אִיר וִוילְט, אָבֶער נִישְׁט אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער.

אוֹיךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גְרֶעסֶער מַאכְן דִי פַייעֶר; אַז דִי וַוייבּ הַאלְט דִיךְ יָא פָאר אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער, שְׁרֵיי אִיר נִישְׁט אָן אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער: **"פַארְוָואס שְׁרֵייסְטוּ אוֹיף מִיר אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער?!"** דוּ מַאכְסְט גְרֶעסֶער דֶעם פַייעֶר, דוּ שְׁרֵייעֶסְט יֶעצְט אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער אַז דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער....

### אִינְדֶערְהֵיים דַארְף זַיין שָׁלוֹם!

אֵיינֶער פְרֶעגְט מִיר: **"אִיךְ הָאבּ גֶעוִויסֶע זַאכְן וָואס אִיךְ וִויל זִיךְ אוֹיסְ'טַעֲנָה'ן מִיט מַיין וַוייבּ, וואוּ זָאל אִיךְ עֶס טוּן?"** זָאג אִיךְ אִים: צֶעטֵייל דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף אַ שַׁבָּת, אוּן פָאר אַוֶועק אוֹיף וַואקַאצְיֶע, דָארְט קֶענְסְטוּ זִיךְ גוּט רַצְחֶ'נֶען מִיט אִיר, עֶס זָאל מַמָּשׁ גֵיין פֵייעֶר... אָבֶער אִינְדֶערְהֵיים דַארְף זַיין שָׁלוֹם!

אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט, קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן וִוי טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן זִיךְ שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן, עֶס אִיז אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער.

## עֶס שְׁטֶערְט פַאר לַאנְגֶע יָארְן

קִינְדֶער וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען זֵיי זֶעעֶן צוּ וִוי טַאטֶע מַאמֶע קְרִיגְן זִיךְ, וַוייל קִינְדֶער דַארְפְן בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן, אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע. וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אִין דִי זַייט אוּן זֶעעֶן וִוי דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, שְׁטֶערְט זֵיי עֶס אִין מֹחַ, זֵיי טְרַאכְטְן: 'וֶוער אִיז גֶערֶעכְט? טַאטִי? — אָבֶער אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ לִיבּ מַאמִי'!

אִיךְ הֶער פוּן אִינְגֶעלַייט וִוי זֵיי גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן'ס קְרִיגֶערֵייעֶן פוּן יָארְן צוּרִיק, עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט שְׁטֶעקְן אִין קָאפּ, עֶס שְׁטֶערְט פַאר לַאנְגֶע יָארְן.

## דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי זֵיי הָאבְּן עֶלְטֶערְן מִיט הַארְץ

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ אוֹיף וָואס מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן בַּאאַיינְפְלוּסְט פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אִיז אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי זֵיי הָאבְּן עֶלְטֶערְן מִיט הַארְץ.

אַז דֶער קִינְד הָאט עֶפֶּעס גֶעטוּן, וִוי עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעגָאסְן אָדֶער צֶעבְּרָאכְן בְּטָעוּת, אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט 'חַייָב מִיתָה', דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ מַאכְן אַ טָעוּת, דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ אוֹיסְגִיסְן, דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ אִיבֶּער דְרֵייעֶן.

## אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען...

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען קִינְדֶער פֶּערְזֶענְלִיךְ,מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן אוּן אָנְשְׁרֵייעֶן".**

לָאמִיר זָאגְן אַז אִיר ווִילְט פּוֹעֵל'ן בַּיי אַ קִינְד עֶר זָאל נִישְׁט זַיין פַארְשְׁלָאכֶעט, עֶר זָאל וֶוערְן מֶער אַחֲרָיוּתְ'דִיג, עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן, נִישְׁט אִיבֶּער לָאזְן זַאכְן אִין חֵדֶר אָדֶער אוֹיפְ'ן בָּאס, - אוֹיבּ וֶועט אִיר שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים: **"דוּ שְׁלָאךְ!" "דוּ שְׁלִימַזָל!" "מֶען וֵוייסְט אַז מֶען קֶען דִיר גָארְנִישְׁט גֶעבְּן, וַוייל דוּ פַארְגֶעסְט, פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער גֵייט מֶען אַלֶעס גֶעבְּן פַאר'ן יוּנְגֶערְן בְּרוּדֶער!"** וֶועט גֶעשֶׁען אַז אִיר וֶועט הָאבְּן אַ קִינְד אַ שְׁלָאךְ אוּן אַ שׁוֹטֶה! וַוייל אִין זַיין קָאפּ וֶועט עֶר אַלְץ גֶעדֶענְקֶען 'אִיךְ קֶען נִישְׁט', אוּן 'אִיךְ טוֹיג נִישְׁט'.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף אַ בָּחוּר וִוי עֶפֶּעס גֵייט פָאר מִיט אִים, עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן צֶעפָארְן, אֵיינְמָאל זָאגְט עֶר מִיר: **"מִיר הָאט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרָאסְט אִינְדֶערְהֵיים, מֶען הָאט אֵייבִּיג גֶעגֶעבְּן פַאר דִי יוּנְגֶערֶע בְּרוּדֶער עֶר זָאל גֵיין צוּ דִי שְׁכֵנִים טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען וָואס מֶען דַארְף, וַוייל אִיךְ לָאז אִיבֶּער אוּן אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט"**, - הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען; רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אַנְשְׁטָאט הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם קִינְד, הָאט מֶען אִים צֶעבְּרָאכְן אוֹיף פִּיצְ-פִּיצְלֶעךְ.

## זַיין אִינְדֶערְהֵיים

אַ פְּרוֹי אִיז אַזוֹי וִוי אַ מְלַמֵּד, מֶען דַארְף גוּט עֶסְן, גוּט שְׁלָאפְן, אוּן מֶען דַארְף זֶען צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים, נִישְׁט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָּה מֶען זָאל זַיין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מֹחַ זָאל זַיין אִינְדֶערְהֵיים, מֶען זָאל אַיינְזֶען אַז 'אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאוֹן'. אַפִילוּ אַ פְּשׁוּטְ'עֶ טֶעלֶעפָאוֹן דַארְף מֶען אוֹיךְ נָאר הָאבְּן וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן הוֹיז, אָבֶער אִינְדֶערְהֵיים אִיז עֶס נָאךְ אַ זַאךְ וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִי מַאמֶע פוּן דִי קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע עֶלְטֶערְן, פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער! נָאךְ אַבִּיסְל וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף, דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט וֶועלְן קוּקְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן, פַארְוָואס? וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט זֵייעֶר טֶעלֶעפָאוֹן, וֶועל אִיךְ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים.

## זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער

עֶלְטֶערְן דַארְפְן זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער; שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי קִינְדֶער, טְרַאכְטְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער.

## קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט קַיין אַוּרִינְגְ'ס מִיט קַיין שְׁמַאוּרִינְגְ'ס...

קִינְדֶער זוּכְן נִישְׁט אַרוֹיס צוּ גֵיין, קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין טֵייעֶרֶע זַאכְן, קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט עֶסְן אִין רֶעסְטֶערַאנְט, [מֶענֶער זוּכְן אוֹיךְ נִישְׁט צוּ גֵיין עֶסְן אִין רֶעסְטֶערַאנְט. אַ מַאן הָאט לִיבּ זַיין וַוייבְּ'ס עֶסְן, דִי מֶענֶער וָואס גֵייעֶן עֶסְן אִין רֶעסְטֶערַאנְט אִיז עֶס נִישְׁט וַוייל דָאס ווִילְן זֵיי, נָאר דִי וַוייבּ דְרֵיידְט זֵיי אַ קָאפּ, מוּזְן זֵיי מִיט גֵיין פַאר שָׁלוֹם בַּיִת. עֶר דַארְף עֶס וִוי אַ לָאךְ אִין קָאפּ, עֶר ווִיל זַיין וַוייבְּ'ס עֶסְן], קִינְדֶער הָאבּ לִיבּ צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים, קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אִינְדֶערְהֵיים, קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט קַיין אַוּרִינְגְ'ס מִיט קַיין שְׁמַאוּרִינְגְ'ס... וֶוען קִינְדֶער בֶּעטְן דִי עֶלְטֶערְן זֵיי ווִילְן אַרוֹיסְגֵיין וְכוּ', אִיז דָאס וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין עֶלְטֶערְן, דִי מַאמֶע אִיז פַארְנוּמֶען אַיינְצוּקוֹיפְן וְכוּ', בֶּעטְן זֵיי: **"לָאמִיר אַרוֹיס גֵיין"**, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי כָאטְשׁ אִין קַאר אָדֶער בַּיים שְׁפַּאצִיר זַיין מִיט דִי מַאמֶע!

## אַז מֶען הָאט אַ גֶעזוּנְטֶע מֹחַ קֶענֶען שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים נִישְׁט שְׁטֶערְן!

אוֹיבּ טַאטֶע מַאמֶע גֶעבְּן דָאס פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן זֵיי גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי קִינְדֶער - וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף מִיט אַ גֶעזוּנְטֶע מֹחַ, אוּן אַז מֶען הָאט אַ גֶעזוּנְטֶע מֹחַ קֶענֶען שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים נִישְׁט שְׁטֶערְן!

(גֶענוּמֶען פוּן אַ חִיזּוּק שְׁמוּעֶס מָאנְטָאג וַיְחִי שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן)

# בְּרִיוְון פוּן חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## ווִי אַזוֹי עֶרְקְלֶערְט מֶען פַאר קִינְדֶער דִי גְמָרָא "נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה"?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד מוֹרִי וְרַבִּי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ רוּף אַייךְ מוֹרִי וְרַבִּי, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט בַּיי אַייךְ אוּן אִיר קֶענְט מִיר אֲפִילוּ נִישְׁט, זָאלְט אִיר אָבֶער ווִיסְן אַז אִיר רֶעדְט טַאקֶע צוּ דִי בָּחוּרִים אִין נְיוּ יָארְק, אָבֶער אַייעֶר הַשְׁפָּעָה קוּמְט אָן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דִי דְרָשׁוֹת, בְּרִיוְון, חִיזּוּק יוֹמִי, הָאט גֶעטוֹיִשְׁט מַיין גַאנְצֶע וֶועלְט, מַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן אַיין שְׁטִיק אֱמוּנָה אִין אַייעֶר זְכוּת. אוֹיסֶער דִי שָׁלוֹם בַּיִת, לִימוּד הַתּוֹרָה אוּן נָאךְ פִילֶע עֵצוֹת וָואס הָאט מִיר אַזוֹיפִיל גֶעהָאלְפְן.

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי קִינְדֶער דִי גְמָרָא אִין מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת (לב.), אַז פוּן וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן אִיז פַארְשְׁפַּארְט גֶעוָוארְן דִי טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִלָּה, אָבֶער דִי טוֹיעֶרְן פוּן טְרֶערְן זֶענֶען יָא גֶעבְּלִיבְּן אָפְן. דִי גְמָרָא אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז וֶוען אַ אִיד דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען דִי טוֹיעֶרְן צוּגֶעשְׁפַּארְט פַאר אִים? אוֹיבּ בֶּעט עֶר נִישְׁט מִיט טְרֶערְן וֶועלְן זַיינֶע תְּפִלּוֹת נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אִיךְ וֶועל אַייךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיבּ אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען קְלָאר שְׁטֶעלְן.

אַגַב, דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט מִיר גֶעווִיזְן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל אַ דְרָשָׁה פוּן אַייךְ, אִיז אַ מִתְנַגֵּד פוּן בְּרֶסְלֶב. עֶר הָאט מִיר דָאס גֶעווִיזְן אוֹיף צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים בִּקְבִיעוּת, אוּן דָאס וֶועט מִיר אַזוֹיפִיל הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן...

בְּהוֹקָרָה וּבִבְרָכָה

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַמְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד; עֶס נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַ מְלַמֵּד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה

וְיִרְאַת שָׁמַיִם מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָנִיאֵל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס וָואס בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט; מוֹהֲרָ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, אַז פּוּנְקְט וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵּד. אַ מְלַמֵּד פְלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אוּן טוּעֶן גוּטֶע זַאכְן גֵייט אַלֶעס אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם מְלַמֵּד.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב.): "וְאָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי תְפִלָּה", פוּן וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן זֶענֶען פַארְמַאכְט דִי טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִלָּה; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ שִׁיטוֹת אִין חֲזַ"ל, אִין דִי מֶדְרָשִׁים זֶענֶען דָא כַּמָּה דְּרָכִים - אֵיינֶער זָאגְט אַזוֹי אוּן דֶער אַנְדֶערֶער זָאגְט אַזוֹי, אָבֶּער אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אִיז דָא אַ פְּשַׁט. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (פְּסָחִים פה:): "אֲפִילוּ מְחִיצָה שֶׁל בַּרְזֶל אֵינָהּ מַפְסֶקֶת בֵּין יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", אֲפִילוּ אַן אַייזֶערְנֶע וַואנְט אִיז נִישְׁט מַפְסִיק צְוִוישְׁן אוּנְז אִידְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹּהֵן וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבָד", דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת וֶוען מִיר וֶועלְן זַיין אִין גָלוּת, אָן קַיין קֶענִיג, אָן קַיין נָבִיא, אָן קַיין כֹּהֵן גָדוֹל אוּן אָן קַיין אוּרִים וְתוּמִים, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת.

מִיר וֵוייסְן נָאר וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט - בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה; ק) אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ צַדִּיקִים, אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף יֶעדְן נָאמֶען וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַז אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן אִים בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שְׁמוּעֶס בַּיים רֶבִּי'ן וָואס דֶער רֶבִּי זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ אוּנְז פוּן תְּפִלָּה, אוּנְז מְחַזֵּק זַיין אַז מִיט תְּפִלָּה וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא, א): "הֱווּ זְהִירִין בִּתְפִלָּה, שֶׁאֵין מִדָּה אַחֶרֶת יָפָה הֵימֶנָּה וְהִיא גְּדוֹלָה מִכָּל הַקָּרְבָּנוֹת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן, זַייט נִזְהָר אִין תְּפִלָּה וַוייל דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, אוּן דָאס אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב'ֶער פוּן אַלֶע קָרְבָּנוֹת, "וַאֲפִילוּ אֵין אָדָם כְּדַאי לַעֲנוֹת בִּתְפִלָּתוֹ וְלַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִמּוֹ, כֵּיוָן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמַרְבֶּה בְּתַחֲנוּנִים, אֲנִי עוֹשֶׂה חֶסֶד עִמּוֹ", אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט רָאוּי מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן אוּן טוּן מִיט אִים חֲסָדִים, אוֹיבּ עֶר דַאוֶוענְט אוּן בֶּעט מִיר - וֶועל אִיךְ אִים הֶעלְפְן.

דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, דֶערְצֵייל זֵיי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מֶדְרָשׁ דְּבָרִים רַבָּה ב, טז): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ שְׁטוּרְם וִוינְט אוֹיפְ'ן וַואסֶער אוּן אַ שִׁיף אִיז פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט גֶעוָוארְן אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ וַוייטֶע שְׁטָאט, אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אֵיין אִיד מִיט אַסַאךְ גוֹיִם, וֶוען דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי פְרֶעמְדֶע מְדִינָה זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם צוּגֶעקוּמֶען בֶּעטְן פוּן דֶעם אִיד עֶר זָאל זֵיי גֵיין קוֹיפְן עֶסְן, הָאט דֶער אִיד זֵיי צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער: "אִיךְ בִּין דֶען בַּאקַאנְט דָא, אַז אִיר אַלֶע קוּמְט מִיר בֶּעטְן אִיךְ זָאל קוֹיפְן עֶסְן?" הָאבְּן דִי גוֹיִם גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דֶעם אִיד אוּן גֶעזָאגְט: "אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, אַ אִיד הָאט אֵייבִּיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיךְ", פִירְט דֶער מֶדְרָשׁ אוֹיס: "הֲוֵי, אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרוֹבִים אֵלָיו (דְּבָרִים ד, ז)".

פַאר דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ מַסְבִּיר זַיין וָואס דִי רִאשׁוֹנִים זָאגְן פְּשַׁט אִין דֶעם (עַיֵּין מְאִירִי בָּבָא מְצִיעָא נט.), אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דִי תְּפִילוֹת פוּן אוּנְז אִידְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ תְּפִלָּה זָאל נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען, עֶס אִיז נָאר אַנְדֶערְשׁ הַיינְט וִוי אִין דִי צַייטְן וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען; אַז הַיינְט דַארְף מֶען קְלַאפְּן אוֹיפְ'ן טִיר אַז דִי תְּפִילוֹת זָאלְן אַרוֹיפְגֵיין, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען וֵויינְט דֶעמָאלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ רַחְמָנוּת אוּן נֶעמְט אָן דִי תְּפִלָּה אֲפִילוּ הַיינְט אוֹיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת יב:): "אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, כָּל מִלִּין דְּעָלְמָא תַּלְיָין בִּתְשׁוּבָה וּבִצְלוֹתָא דְּצַלֵּי בַּר נָשׁ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וְכָל שֶׁכֵּן, מַאן דְּאוֹשִׁיד דִּמְעִין בִּצְלוֹתֵיהּ, דְּלֵית לָךְ תַּרְעָא דְּלָא עָאלִין אִינּוּן דִּמְעִין", עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ זַאךְ וָואס עֶס נוּצְט נִישְׁט דֶערוֹיף תְּשׁוּבָה, בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קַיין שׁוּם טִיר אִיז נִישְׁט פַארְמַאכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶר הַארְץ צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי וֶועלְן מְקַנֵּא זַיין דִי צַדִּיקִים אוּן זֵיי וֶועלְן נָאכְטוּן דִי צַדִּיקִים. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זֵיי, הָאט דֶער מְלַמֵּד אִים גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבַת הַלְּבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ מוּסָר, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים דָאס פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין נָאר אִין תְּפִלָּה.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ה', מכתב שסח)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876